NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10612

FUN GANTSN HARTSN

Shemuel Tsesler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל צעסלער

פון גאנצן הארצן

קינדער־לידער און קרײַזשפּילן

הילע און צײכענונגען פון
חיים דאָרמאַן

אַרויסגעגעבן פון מחבר

בוענאָס איירעס
אַרגענטינע

1946

Printed in Argentine

FUN GANTZN HARTZN

(DE TODO CORAZON)

POESIAS Y RONDAS PARA NIÑOS

— de —

SAMUEL CHESLER

Buenos Aires
República Argentina



פון גאַנצן האַרצן

פון גאַנצן האַרצן, קינדערלעך,
מײַן ליד — אײַך אַ געשאַנק;
די וועלט שטראַלט אַזוי וווּנדערלעך
אין קינדערשן געזאַנג.

די העלע טענער מינטערן
מיט האָפענונג און גליק,
אַרום הערט אויף צו ווינטערן
און פרילינג קומט צוריק.

ס'דערהויבן קלאַנגען, אײַערע,
נשמה און געמיט;
פון גאַנצן האַרצן, טײַערע,
אַ זונג געטאָן דאָס ליד!

ס'צעפּאַלן שווערע מויערן
פון פּייַנען און פון לייד,
צערינען אַלע טרויערן
אין קינדערישער פרייד.

פון גאַנצן האַרצן, קינדערלעך,
געזונגען און געטאַנצט,
די וועלט שטראַלט אַזוי וווּנדערלעך
אין אייַער ליד, און גלאַנצט.

די וואונדערלעכע רויז

ערגעץ ווײַט, וואַלד אײַן, וואַלד אויס,
בליט אַ וואונדערלעכע רויז;
אויף איר שטענגל, נעבן בעכער,
וואַקסט אַ דאָרן שאַרף און גרויס.

ווען די קינדער זענען פֿײַן
און פֿאַרשאַפֿן ניט קיין פּײַן —
קומען בינעלעך צום בעכער
און זיי טרינקען רויזנווײַן.

פֿליען נאָך דעם פֿון דער רויז
אין דעם בינשטאָק, זייער הויז,
אַרבעטן, פֿאַר גוטע קינדער,
פֿון דעם ווײַנזאַפֿט, האָניק אויס.

נאָר ווען קינדער זענען שלעכט
און זיי פֿירן זיך ניט רעכט —
קומען בינעלעך צום בעכער,
טרײַבט דער דאָרן זיי און שטעכט.

קרעכצן בינעלעך גאָר שווער,
און דער בעכער לאָזט אַ טרער;
און פֿאַר אַלע שלעכטע קינדער
וועט ניט זײַן קיין האָניק מער.

אַ גוט מאָרגן דיר מײַן גערטל!

אַ גוט מאָרגן דיר מײַן גערטל!
אַ גוט מאָרגן שײנע בײטן!
װאַסער ברענג איך אין מײַן קװערטל,
נאַט אַ טרונק, געליבטע קװײטן!

כ׳האָב געחלומט שװער באַנאַכט הײַנט:
ס׳איז קײן רעגן ניט געגאַנגען,
אַלע בעבערלעך, פאַרשמאַכטע,
זענען טריב אַראָפּגעהאנגען.

איצט מיט װאַסער פול אין קװערטל
בין איך גיך צו אײַך געקומען.
אַ גוט מאָרגן שײנער גערטל!
אַ גוט מאָרגן ליבע בלומען!

ס'ווערט געבוירן די זון

ס'ווערט געבוירן די זון
אין דעם העלן באַגין, —
רוישט פֿאַר שׂמחה דער וואַלד.
טאַנצן גרעזעלעך גרין.

זינגען פֿייגל אין פֿרייד,
שפּילן גרילן אין פֿעלד:
— אַזוי יונג, אַזוי שיין
קומט די זון אויף דער וועלט!

הייבט די זון נאָר אָן גיין —
ווײַזט זי באַלד וואָס זי קען:
קריכט אויף בוים און אויף דאַך,
אַ צעשטראַלטע, מיט ברען.

קוקט אַרײַן ווי אַ שפּאַלט
מיט איר ליכטיקן בליק,
און צעלאַכט זיך מיט גאָלד,
און זי שמייכלט פּאַר גליק.

און קומט אָן האַלבער טאָג —
איז זי רײַף שוין, די זון,
איצטער אַרבעט זי שווער,
האָט אַ סך וואָס צו טון:

צײַטיקט פּרוכטן און גרינס,
און די תּבוּאה אין פּליין,
און אַ בּרכה די זון
איז פּאַר גרויס און פּאַר קליין.

גייט איר לעבן אַזוי
אין פּאָרויס, שטילערהייט;
איז שוין ערנסט איר טראַכט,
און גאָר זעלטן די פרייד.

דעקט אַ וואָלקן אָפּט צו
איר צעשטראַלטן געזיכט
און פּאַרטונקלט איר שײַן
און פּאַרשאָטנט איר ליכט.

איצטער גייט זי צוריק
צו דעם ראַנד, האָריזאָנט,
און דער וועג איז שוין קורץ,
און איר סוף איז שוין נאָנט.

לעצטער שמייכל — צערינט
און זי גוסט אין רו,
און די טונקעלע נאַכט
דעקט אין מערב זי צו.

אַ שטערנדל און אַ בלימעלע

יעדעס קינד האָט אין דעם הימל
זײַנס אַ שטערנדל וואָס גליט;
אויך אַ צאַרט און דופטיק בלימל,
ערגעץ אויף דער ערד צעבליט.

ווען דאָס קינד האָט ליב דעם אֶמֶת,
רעדט נאָר שטענדיק וואָס באַקלערט —
ברענט זײַן שטערנדל אין הימל,
שמעקט זײַן בלימל אויף דער ערד.

איז דאָס קינד אָבער אַ ליגנער,
פּלוידערט שטענדיק נאָר און נאַרט —
פֿאַלט זײַן שטערנדל פֿון הימל
און זײַן בלימעלע פֿאַרדאַרט.



אַ שאָד!

אין דער מאַמעס נײַעם הוט
שטעקן בלומען אַלערלײ,
פּונקט ווי לעבעדיקע קווייטן,
פֿריש און פֿאַרביק זענען זיי.

נאָר אַ שאָד וואָס מאַמע קוקט,
נאָר אַ שאָד וואָס מאַמע זעט, —
כ'וואָלט זיי אַלע אָפּגעריסן
און געמאַכט מיר אַ בוקעט.

די פיר צײַטן פון יאָר

(ק ר ײַ ז ש פּ י ל)

אויף די רוקנס פון פיר פערדלעך,
יאָגן זיך און רײַטן,
איבער אונדזער ערד, פיר ברידער,
פון דעם יאָר די צײַטן:

פרילינג — איינס,
זומער — צוויי,
האַרבסט — דרײַ,
פיר — דער ווינטער
הינטער זיי.
טראַלאַ־לײַ!
טראַלאַ! לאַ־לאַ! לײַ!

— כ׳בין דער ערשטער, כ׳בין דער ערשטער
פרילינג, אָנגעקומען,
ברענג איך פייגל, זונענשטראַלן,
פלאַטערלעך און בלומען.

פרילינג — איינס,
זומער — צוויי,
האַרבסט — דרײַ,
פיר — דער ווינטער
הינטער זיי.
טראַלאַ־לײַ!
טראַלאַ! לאַ־לאַ! לײַ!

— כ׳שטעל זיך זומער אָפּ, דער צווייטער,
בלײַב דאָ רויק זיצן,
ברענג איך געלע תבואה־זאַנגען,
ברענג איך גרויסע היצן.

פרילינג — איינס,
זומער — צוויי,
האַרבסט — דרײַ,
פיר — דער ווינטער
הינטער זיי.
טראַלאַ־לײַ!
טראַלאַ! לאַ־לאַ! לײַ!

— כ׳קום דער דריטער, האַרבסט און שטעל זיך
מיט מײַן שלעכטן וועטער,
ברענג איך רעגנס, קאַלטע ווינטן,
ברוינע, געלע בלעטער.

פרילינג — איינס,
זומער — צוויי,
האַרבסט — דרײַ,
פיר — דער ווינטער
הינטער זיי.
טראַלאַ־לײַ!
טראַלאַ! לאַ־לאַ! לײַ!

— כ׳קום דער פּערטער אָן, דער ווינטער, —
מאַכט פאַר מיר אַ וואַרע!
ברענג איך גרויסע פרעסט און קעלטן,
ביימער — הוילע, דאַרע.

פרילינג — איינס,
זומער — צוויי,
האַרבסט — דרײַ,
פיר — דער ווינטער
הינטער זיי.
טראַלאַ־לײַ!
טראַלאַ! לאַ־לאַ! לײַ!

האַרבסט־קאָנצערט

אין אַ פּראַק פון בלעטער געלע
שטייט דער האַרבסט, דער דיריגענט;
זיצט די ווינטיקע קאַפּעליע,
יעדער האַלט זײַן אינסטרומענט.

צוקט דאָס האַרץ בײַם ביימער־עולם:
— דער קאָנצערט הייבט באַלד זיך אָן!
דער אָרקעסטער שטימט די כּלים,
יעדער, ערנסט, ציט אַ טאָן:

לאָזט אַ פידל קלאָר זיך הערן,
טוט אַ פלייט אַ שטילן טרעל,
גיט אַ באַס אַ קרעכץ אַ שווערן,
ברומט פאַרקלאָגט אַ וויאָלאָנטשעל.

האַלט דער האַרבסט שוין גרייט, צעווייגן
וועט ער, די מינוט, די הענט —
וועט אַ שטורעם טאָן אַ ניגון
צו דעם טאַקט פון דיריגענט.

שאַ, עס שלאָפֿט קליין ביימעלע

שאַ, עס שלאָפֿט קליין ביימעלע
אײַנגעוויגט פֿון ווינט,
אויפֿן בלומען־בייטעלע,
צווישן גראָז צעגרינט.

אָנגעשטיפֿט זיך גוט דעם טאָג,
זיך געהוידעט לאַנג
און אַרומגעטאַנצט צום טאַקט
פֿון פֿייגלשן געזאַנג, —

שלאָפֿט עס איצט און טרוימענדיק
מורמלט עס אַ ליד;
זײַנע צווײַגן־הענטעלעך
הענגען שוואַך און מיד.

טאַטע בוים און מאַמע בוים
שושקען שטילערהייט:
— ש־שאַ, עס שלאָפֿט קליין ביימעלע! —
שלאָף געזונטערהייט!

זוימעלע רײַטער

אַ קלײן זוימעלע, אַ רײַטער,
לאָזט זיך אין דער וועלט דער ווײַטער,
ס׳איז זײַן פערד — דער פלינקער ווינט,
טראָגט עס אים געשווינט, געשווינט.

זוימעלע האָט בײַ די שטאַמען
זיך צעזעגנט מיט זײַן מאַמען:
— מאַמע פרוכט, מיך ציט אין וועג,
זײַ געזונט, איך פאָר אַוועק!

— פאָר געזונט מײַן קינד, מײַן קערן.
זאָלסט אַ בוים אַ גרויסער ווערן,
זוך אַ גוטן באָדן אויס
און צעוואַקס זיך הויך און גרויס!

רײַט קלײן זוימעלע, דער רײַטער,
טראָגט דער ווינט אים ווײַט און ווײַטער,
פירט אים צום געבענטשטן אָרט
און וועט אַפּזעצן אים דאָרט.

מער וועט זוימעלע ניט פאָרן,
בלײַבט עס דאָרט אויף לאַנגע יאָרן
און וועט וואַקסן הויך און שײן,
זײַן אַ פרייד פאַר גרויס און קלײן.

דער טרוים פון דער סאָווע
וועגן בוים

אין די צווײַגן פונעם בוים
זיצט די סאָווע און זי טראַכט;
מאָדנע בילדער, אין געדאַנק,
זעט זי אין דער האַלבער נאַכט:

— דאַכט זיך וואָס? איין מוטערשטאַם,
יעדעס צווײַגל איז אַ קינד,
פריילעך טאַנצן אַלע גלײַך
און זיי וויגן זיך אין ווינט.

אָבער ווי פאַרשיידן ס'וועט
יעדער איינעמס גורל זײַן —
וועמען עס איז גליק באַשערט,
וועמען ווייטיק, לײַד און פּײַן.

זעט די סאָווע אין איר טרוים,
ווי די צווײַגן וואַקסן גרוים,
ווי מע שנײַדט זיי אָפּ פון בוים
און וואָס ס'קומט פון זיי אַרויס:

אַט ווערט איינער גאָר אַ טיש,
ווער אַ בענקל, ווער אַ טיר,
דער — אַ הענטל צו געציַיג,
דער — אַ הילצערן געשיר.

ווער עס גייט צו שיפּנבוי,
צו וואַגאָנעס פון אַ באַן,
דער — ווערט טיילן פון אַ בריק,
דער — אַ לײַסט אין עראָפּלאַן.

איינער ווערט אַ שפּילגעציַיג,
דער ברענגט פרייד און דער פּראָגרעס;
איינער ווערט — נישט דאָ געדאַכט —
גאָר אַן אָרון פאַר מֵת — — — — —

אַט גייט דער צום דאַך פון הויז,
און אַט דער — ווערט גאָר אַ זויל,
זענען די פּראָסטע פּשוטע האָלץ,
ווערן שטיל פאַרברענט אויף קויל — —

זעט די סאָווע אין דער נאַכט
מאָרנע זעונגען אין טרוים:
וואָסער גורל ס'איז באַשערט
צווייַגן פון איין מוטערבוים.

שול־הימען

מיר זינגען הויך מיט קלינגענדיקע שטימען
און ס'טראָגט זיך פרײַ און פריידיק אונדזער ליד,
מיר זינגען אונדזער ליבער שול אַ הימען,
דער ליבער שול, וואָס לערנט און דערציט:

— אָ, שול, ביסט אונדזער ליטערער פֿאַרמעגן,
מיט דיר שטאָלצירן אַלע קליין און גרויס,
דו פֿירסט אונדז פרײַ אויף זונענדיקע וועגן,
צום לעבנסציל, פֿאָרויס! פֿאָרויס! פֿאָרויס!

פון דײַנע אוצרות שעפּן מיר, געניסן,
פון דײַנע קוואַלן טרינקען מיר אַ סך,
און טראָגן הויך דײַן העלע פאָן פון וויסן,
אין קאַמף פאַר אונדזער רעכט, קולטור און שפּראַך.

וועקסט אונדזער גײַסט צום שאַפן און פאַרצווײַגן,
און לײַטערסט אויס אין לעבן אונדזער בליק;
אָ, שול, דו ביסט די פרייד פון וווּקס און שטײַגן,
דערהייבסט אונדז ביז צום הימל־העכסטן גליק.

מיר זינגען דיר דעם הימען און מיר שפּינען
דײַן פאָדעם גאָלד, אין זוניקײַט צעהעלט,
פאַר אַ ליכטיק־לויטערן באַגינען
און פאַר אַ פרײַער, ברידערלעכער וועלט!

אַ גאָלדענע פעדער

טיקו! טאַקו! טיקו! טאַקו!
טימבאַ־קינדל! טומבאַ־טאָלד!
שטייען שרעטעלעך און שמידן
אויף קאָוואַדלעס, לויטער גאָלד.

טוקו־קינדל! טוקו־קינדל!
הילכט דאָס עכאָ מיט אַ קנאַל,
שמידן זיי אַ בלאַנקע פעדער
פון דעם איידעלן מעטאַל.

טיבמאַ־קינדל! טומבאַ־קינדל!
ווער ס'קען שרײַבן אָן אַ פלעק —
יענעם ברענגען זיי די פעדער
און זיי שענקען אים אַוועק.

איך העלף מײַן טאַטן שרײַבן

כ׳קען שרײַבן גוט און מאָלן —
איך האָט ניט קײן באַגריף!
איך העלף אַרױס מײַן טאַטן:
פֿאַרענדיק זײַנע בריװ.

און טרעט ער אָפּ פֿון שרײַבטיש,
זעץ איך מיך גלײַך אַװעק
און נעם זיך צו זײַן בלעטל,
איך שרײַב און מאָל, און מעק:

אַ פֿאַסיק מיט אַ פּלעקל,
אַ קײַקל דאָ און דאָרט,
אַ פֿערדל מיט אַ גלעקל,
אַ בלום צו יעדן װאָרט — — — —

און קומט אַרײַן דער טאַטע,
דערזעט עס — װערט ער בלאַס
און שרײַט אױף מיר מיט בײזער —
פֿאַרװאָס איז ער אין כּעס?

ווער פליט אַרום מײַן פענצטערל

— ווער פליט אַרום מײַן פענצטערל ?
ווער קלאַפּט בײַ מיר אין שויב ?
— אָ, עפן, עפן, קינדערלע,
איך בין די װײַסע טויב !

— וואָס טראָגסטו אין דײַן שנעבעלע ?
וואָס ברענגסטו פון דער ווײַט ?
— איך האָב פאַר דיר אַ בריוועלע
פון אַלטע, קלוגע לײַט !

— וואָס שרײַבן זיי אין בריוועלע
מיט ווערטער לויטער גאָלד ?
— דו ביסט אַ טײַער קינדערלע
און יעדער האָט דיך האָלט !

בײַם פּאָסטקעסטל

שטײט דאָס פּאָסטקעסטל אין ראָג,
שלינגט און שלינגט אַ גאַנצן טאָג;

נאָך אַ בריװ און נאָך אַ בריװ,
אַזש איר האָט ניט קײן באַגריף!

— זאָג נאָר, װיפֿל איז דער שיעור
זיך צו שטאָפּן מיט פּאַפּיר?

איז דײַן מאָגן אָן אַ גרונט? —
אַ רחמָנות דײַן געזונט!

כ'ברענג דיר דאָ אַ טרונק, אַ נאַש:
זופּ דאָס װאַסער פֿון דער פֿלאַש,

פֿריש און קאַלט, נאָרװאָס פֿון אײַז.
נאַ אַ צוקערל, פֿאַרבײַס!

ביכער

נאַכט. און אין דער ביבליאָטעק
גיבן ביכער זיך אַ וועק,
עפענען זיי אַלע טירן
און זיי הייבן אָן שפּאַצירן.

אָטאָ שלעפּט זיך היץ, צוריק,
אַן ענציקלאָפּעדיע דיק,
ווינקט מען: — אָט דאָס בוך אַ גביר איז,
ווערטער האָט עס — אַן עשירות!

אָט באַווייזט זיך מיט אַ מאָל
גאָר אַ דאַמע, הויך און שמאָל,
מיט אַ דינער, לאַנגער צורה,
הייסן הייסט זי „פּרוי בראָשורע”.

גייט אַ שטראָף־קאָדעקס אַרויס,
ניי און שטאָלץ, דעם קאָפּ פאָרויס,
מיט אים, פאַר זיין שטרענגער פירונג, —
קומט מען זעלטן אין באַרירונג.

און מיט יעדן האַנט בײַ האַנט,
אַזוי שיין, אינטערעסאַנט,
גייט אַ מַעֲשֶׂה־ביכל מונטער,
יעדער גריסט עס, שמייכלט אונטער.

אָטאָ שפּאַנט מיט גלײַכע טריט
אום אַ בוך און זינגט אַ ליד,
לויט דעם טאַקט און לויט די קלאַנגען
זעט מען, ס'איז אַ בוך געזאַנגען.

איינזאַם, צווישן לײַט אַ סך,
שפּרײַזט אַ בוך פון פרעמדער שפּראַך,
האַלט זיך שטיל אַזוי, באַשיידן,
קיינער קען מיט אים ניט ריידן.

אויך אַן אַרבעטסבוך דאָ גייט,
יעדן העלפן איז עס גרייט,
עס איז פּשוט און דערפאַרן,
עס געהערט צו פּראָלעטאַרן.

און מיט טומל און געשריי
יאָגן פריילעך זיי נאָך ריי,
שטיפן, לויפן גיך און גיכער,
שיינע, קליינע קינדער־ביכער.

די מַעשׂה פונעם ווינט מיטן בוך

זעט דער ווינט, ווען ער פליט אין דער לופטן אַדורך:
אויפן אָפענעם פענצטער, ליגט אָפן אַ בוך.

גיט ער גלײַך זיך אַהינצו אַ דריי און אַ קער,
מישט די בלעטלעך אַהין, מישט די בלעטלעך אַהער,

לייענט, קוקט, און ער רעדט אויף זײַן ווינטיקער שפּראַך:
— אוי, וואָס דאָרט איז פאַראַן! ווײַ־ווײַ־ווײַ! אַך־אַך־אַך!

ס'האָט אַ שרײַבער אַנטפּלעקט אַ דערהויבענע וועלט;
כ'וועל פאַרשפּרייטן דאָס אַלץ איבער וואַלד, איבער פעלד.

כ'וועל די מַעשׂה צעטראָגן, דערציילן דעם רוים,
און דער זאַנג און דעם גראָז, און דער בלום, און דעם בוים.

מישט די בלעטלעך דער ווינט, קוקט אַרײַן מיט געפיל,
אָטאָ לייענט ער הויך, אָטאָ לייענט ער שטיל,

אָטאָ שטעלט ער זיך אָפּ, האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט,
און דאָ גיט ער אַ זיפֿץ, באַלד — זיך הילכיק צעלאַכט.

אָט אַזוי, ביז ער קומט ביזן סוף, ביזן ברעג,
מאַכט ער גיך צו דאָס בוך און — ער טראָגט זיך אַוועק.

כ׳בין אַ סוחֵר...

כ׳בין אַ סוחֵר, כ׳פיר געשעפטן
אויפן איינצל, אויפן טוץ,
מיט די ביכער, מיט די העפטן,
מיט מײַן האָב און מיט מײַן גוטס.

גיסט אַן עפל? — קענסטו בײַטן,
אָטאָ, זעסטו, גיב איך דיר
פון מײַן ריינעם העפט צוויי זײַטן,
מיט אַ שטיקל לעשפּאַפּיר.

פאַר אַ צוקערל אַ זיסן,
פאַר אַ לעק, צי אַ פאַרזוך —
גיב איך בילדער, אויסגעריסן
פון מײַן נײַעם לערנבוך.

קיין זאַך איז ביַי מיר ניט טיַער:
שטיקלעך מעקער אָז אַ שיעור,
קליינע פּיצלעך פון מיַין בליַיער,
און פון בליַיערס פון קאָליר.

כ'נעם אויך סענטן אין מזומן,
אָדער קנעפּלעך אויפן טויז,
איך קענט אַלץ ביַי מיר באַקומען,
כ'האַנדל מיט מיַין האָב און גוטס.

אָ, ווי איך האָב ליב אַ יום־טוב!

אָ, ווי איך האָב ליב אַ יום־טוב
און וואַקאַציעס — כאָטש פון היינט!
— לערער, לערער, ווי מיר דוכט זיך,
האָט איר עס דאָך אויך ניט פיינט!

און אויב אייך איז עס געפעלן,
און מיר ברענגט עס פריידן פול —
זאָגט מיר, לערער, וואָסזשע דאַרפן
מיר אין גאַנצן, אָט די שול?



בײַם שפּיגל

שפּיגל, שפּיגל, שפּיגלגלאָז,
וואָסזשע קרימסטו נאָך מיר, וואָס,
ווי אַ מאַלפּע יעדע זאַך,
וואָס איך טו און וואָס איך מאַך?

כ׳וועל איצט מאַכן עפּעס וואָס —
וועסטו בלײַבן מיט אַ נאָז
און אַזוינס ניט קענען טאָן.
קוק זיך אײַן, אָט הייב איך אָן:

זעסט, איך שטעק אַרויס די צונג,
מאַכסט עס אויך ? — אַ ווילער יונג !
כ׳גיב די אויגן אַ פאַרגלאָץ, —
קרימסט נאָך אַקוראַט, דו שקאָץ !

איצטער קוק, איך זינג : — טראַ־לאַ !
נו, איז װאָסזשע שווייגסטו, האַ ?
קענסט ניט נאָכמאַכן מיר, וואָס ?
שפיגל, שפיגל, שפיגלגלאָז ! — — -

אין טראַמוויַי

(ק ר ײַ ז ש פּ י ל)

אַ ל ע: — זעט מיר פֿאָרן! הערט מיר פֿאָרן
מיט געררויש און גרילצערײַ;
שטייט דער מאָטאָרמאַן פֿון פֿאָרנט
און ער פֿירט אונדזער טראַמוויַי.

קאָנדוקטאָר: — קלינג! אַ סטאַנציע! זיך פֿאַרהאַלטן!
קלינג־קלאַנג! — לאָזן דעם מאָטאָר!
— נעמט בילעטן, פּאַסאַזשירן,
אַלע צאָלן פֿאַר אַ פּאָר!

פ ר ו י: — אוי, קאָנדוקטאָר! אוי, קאָנדוקטאָר!
זאָגט, צי ווייסט איר וואָס איר רעדט?
פֿאַר דער קליינער ליאַלקע מײַנער
דאַרף איך צאָלן אַ בילעט?

אַלע: — ס'איז די פרוי גערעכט אַוודאי,
קוקט אַ ברעקל, זעט אַ מאָן!
אָט־אָ קומט דער הער אינספּעקטאָר,
וועט ער זאָגן וואָס צו טאָן.

פרוי: — זעט מײַן ליאַלקע, הער אינספּעקטאָר,
ניט זי גייט און ניט זי רעדט, —
דאַרף איך פאָלגן דעם קאָנדוקטאָר
און איר נעמען אַ בילעט?

אינספּעקטאָר: — ניין, מאַדאַם, איר דאַרפט ניט נעמען,
אײַער קינד איז נאָך ניט גרויס, —
איר וועט אָבער אײַער ליאַלקע
מוזן האַלטן אויפן שויס!

איצט פאַרשטיי איך...

מאַמע זאָגט, אַז איך עס ווייניק,
כ'בין דעריבער דאַר און בלאַס,
ווײַל כ'בין נאָר פאַרטאָן אין שפּילן,
סײַ אין שטוב און אין דער גאַס.

איצט פאַרשטיי איך, וואָס מײַן ליאַלקע,
אַזוי גרינג איז, וועגט קיין סך,
ווײַל זי עסט ניט און זי טרינקט ניט,
און פאַרזוכט ניט קיין שום זאַך.

די פּיאַנע

ס'האָט די פּיאַנע קליינע צונגען,
ווייסע, שוואַרצע, און אַ צאָל;
וואָלט זי שטענדיק נאָר געזונגען
מיט איר קלינגענדיקן קול.

איז אָבער אין שטוב פאַראַנען
אַ קליין מיידעלע, אַ מאָן,
האָט זי זייער ליב די פּיאַנע,
טאַנצט און קוועלט ביי יעדן טאָן.

נאָר ווען אַלע גרויסע זענען
שטאַרק פאַרנומען ערגעץ ווו —
נעמען אירע אייגלעך ברענען,
שאַרט זיך צו דער פּיאַנע צו.

פריער גיט אַ פּרוּוו דאָס פּיצל
מיט אַ פינגערל, גאָר שוואַך,
טוט אַ פּיאַנעצונג אַ קיצל —
גיט די פּיאַנע הויך אַ לאַך.

קוועלט דאָס ברעקל שטאַרק, געוויינלעך:
— פּיאַנע זינגען! פּיאַנע קען!
הייבט זי אָן מיט בײדע הענטלעך
באַראַבאַנעווען מיט ברען.

נעמט די פּיאַנע שרייַען, קלאָגן,
אַזש עס צאַפּלען ווענט אין שרעק:
— פּיצל, הער מיך אויף צו שלאָגן!
לאָז מיך לעבן! גיי אַוועק!

לויפן גרויסע אָן אין רעדל,
נעמען זי פון דאָרטן צו:
— האָב רַחמָנות, קינדל, שֶדל,
לאָז די פּיאַנע שוין צו רו!

קינדער

אויף אַ פידל אַלט, צעבראָכן,
שפּילט אין הויף אַ בלינדער ייִד,
און אַ ייִנגל שטרעקט זײַן הענטל
נעבן אים און זינגט אַ ליד:

— שענקט עפּעס מײַן בלינדן טאַטן,
העלפט אים אין זיין שווערער נויט!
ווער עס זעט ניט אויף די אויגן —
דעם איז ביטער ווי דער טויט!

קומען קינדערלעך צו לויפן,
רינגלען אום זיי אין דער מיט,
הערן די מוזיק פון אַלטן,
הערן צו דעם ייִנגלס ליד,

און בײַ יעדן אין די אייגלעך
העל אַ פֿײַערל זיך צינדט:
אָ, ווי זיי זענען מקנא
אַט דעם זינגענדיקן קינד!

דער בלינדער

(קרײַזשפּיל)

בלינדער:

— ס'איז מײַן אויג פֿאַרלאָשן, בלינד,
אין דער פֿינצטער טאַפּ איך,
כ'זוך מײַן שטוב, מײַן הויזגעזינד,
און די טירן קלאַפּ איך:

— איינס! צוויי! דרײַ! פֿיר!
וועמעס שטוב און וועמעס טיר?
פֿינף! זעקס! זיבן! אַכט!
איז זי אָפֿן, צי פֿאַרמאַכט?

אַלע:

— בלינדער, שטעל זיך אָפּ, נישט גײ,
ס'איז אַ טיר דאָ אָפֿן!
זאָג אויף וועמעס שטוב, אין רײ,
האָסטו אָנגעטראָפֿן?

פײַערלעשער

(קרײַזשפּיל)

— טרו! טו! טו!
אַ שׂרפֿה! פֿײַער! ס׳ברענט!
עס פֿלאַמט פֿון אַלע פֿענצטער,
עס פֿלאַקערן די װענט.

די פֿײַערלעשער קומען, —
אַ װאָרע מאַכט פֿאַר זײ!
די לעשמאַשינען, אױטאָס,
זײ יאָגן אין אַ רײ.

אַ פֿרױ שרײַט פֿון אַ פֿענצטער
און מאַכט מיט בײדע הענט:
— אָ, ראַטעװעט מיך, מענטשן,
איך װער דאָ באַלד פֿאַרברענט!

די פֿײַערלעשער שטעלן
אַ לייטער לאַנג און גרויס,
זיי קלעטערן און שלעפּן
פֿון פֿײַער זי אַרויס.

זיי שפּריצן און זיי קלאַפּן
און ראַטעווען מיט מוט;
זיי לעשן אויס דאָס פֿײַער —
און אַלץ איז ווידער גוט.



דער קליינער בעקער

כ'האָב אין הויף, פון ליים, אַן אויוון
אויסגעמויערט, אויפגעבויט.
— כ'בין אַ בעקער! כ'בין אַ בעקער!
איך וועל איצטער באַקן ברויט!

איך וועל מישן זאַמד מיט וואַסער —
וועט עס ווערן טייג אַ שטיק,
וועל איך ברויטן פון דעם באַקן,
ברויטן פרישע, אַן אַנטיק!

פון אַ ברעטל האָב איך נעכטן
זיך אַ לאָפּעטע געשניצט,
וועל איך מיט איר אַלע ברויטן
אינעם אויוון זעצן איצט.

דאָס געבעק וועט ווערן פאַרטיק —
וועל איך רופן פול מיט פרייד:
— אַלע הונגעריקע קינדער,
קומט און עסט געזונטערהייט!

איז שֶבעלע אַ קעכין

איז שֶבעלע אַ קעכין
און פּאָרעט זיך אַזוי,
בײַם פּליטקעלע פון בלעך און
בײַם בענקעלע פון שטרוי.

זי איז גאָר שטאַרק פאַרשמײַעט,
פאַרנומען אין איר קיך:
— כ'מאַך עסנס — אַ מחיה!
רעדט זי און אַרבעט גיך:

פון זאַמד — קאָטלעטן באַקט זי,
בראָקט לאָקשן פון פּאַפּיר,
און פיש — פון בלעטלעך האַקט זי,
און שײַערט דאָס געשיר.

— פּאַפּאַ, איך מאַך דיר עסן!
צעהילכט זי זיך פון ווײַט:
— דו זאָלסט נאָר ניט פאַרגעסן,
און קומען צו דער צײַט!

איצט אויף אַ קעסטל שפּרייט זי,
לייגט אויס אַ שטיקל בלאַט,
עס איז איר טישל, גרייט זי
מיט גאַנצן אַקוראַט.

— פּאַפּאַ, נו, קום שויז, שנעלער,
און זעץ זיך עסן באַלד,
אָט איז דער ערשטער טעלער —
עס קען נאָך ווערן קאַלט!

דאָס שטערצל און דער טאָפּ

טור־טור־האָפּאַ! טור־טור־האָפּ!
טאַנצט דאָס שטערצל אויפֿן טאָפּ.

האָצט און ליאַרעמט ווילד און גיך,
אַזש עס הילכט אַרום אין קיך.

— לײדיקגײער, װער אַנטשטומט!
קאָכט דאָס טעפּל זיך און ברומט,

בורטשעט אין זיך מיט פּאַרדראָס:
— נו, אַ פּלאָג, וואָס זאָגט איר, וואָס?

כ׳האָרעווע און שלעפּ דעם יאָך,
גרייט צו עסן, זיד און קאָך,

כ׳וועל פֿאַרברענט, פֿאַרשוואַרצט אין קיך —
האַלט אַ שטערצל אוים אויף זיך.

נאַ, און טאָמער איז דיר קאַרג,
שפּרינגט עס מיר נאָך אויפֿן קאַרק.

רק עס האָפּעט מיט אַ זונג, —
אָט אַ ווייסטער שטיפּער יונג!

דער פאַל פונעם נייַגעריקן קריגל

ס'האָבן זיך די טעפּ צעפּלוידערט,
אין פרימאָרגן, אין דער קיך,
האָט דאָס נייַגעריקע קריגל
געוואָלט אונטערהערן זיך.

אָבער אייַלנדיק אַהינצו
איז געפאַלן עס פון טיש,
אָפּגעבראָכן נאָז און אויער,
שיעור צעבראָקלט זיך אויף קריש.

זענען זיך צונויפגעלאָפן
אַלע כּלים, ביַי דעם קנאַל,
שטייען זיי אַרום צעשראָקן
און באַדויערן דעם פאַל:

— אומגליקלעכער קריגל, נעבעך,
קוקט ווי זעט עס איצטער אויס,
מער וועט עס צו גאָרניט טויגן —
כאָטשע וואַרף עס גלייַך אַרויס!

שרייַט בלויז קאָכלעפל צופרידן:
— אוי, אַ מיצווה! אוי, אַ פרייד!
שטעק דיַין נאָז ניט ווו מע דאַרף ניט!
הער ניט אונטער פרעמדע רייד!



וויגליד

קומט די נאַכט געהילט אין שוואַרצן,
ווייעט פֿון איר שאַל מיט שלאָף,
צוגעטוליעט צו איר האַרצן
דרעמלט שטיל די ווײַסע שאָף.

אַליע, ליוליע, שלאָף מײַן קינד,
פֿינצטער איז אַרום און בלינד,
אויסגעלאָשן ליכט און שײַן,
אַליע, ליוליע, שלאָף־זשע אײַן.

בלומען טרוימען, פֿייגל שווײַגן,
שלאָפֿן גראָזן שאָף און רינד;
אויף די גרינע ביימער־צווײַגן
דרעמלט רײַטנדיק דער ווינט.

אַליע, ליוליע, שלאָף מײַן קינד,
פֿינצטער איז אַרום און בלינד,
אויסגעלאָשן ליכט און שײַן,
אַליע, ליוליע, שלאָף־זשע אײַן.

ווי דער וועכטער אויפֿן טורעם,
שלאָפֿט דער האָן אויף הויכן פּלויט,
ער וועט אויסקרייען, מיט שטורעם,
אין דעם העלן מאָרגנרויט.

אַליע, ליוליע, שלאָף מײַן קינד,
פֿינצטער איז אַרום און בלינד,
אויסגעלאָשן ליכט און שײַן,
אַליע, ליוליע, שלאָף־זשע אײַן.

אַליע, ליוליע

אַליע, ליוליע, אַליע, ליו,
מאַך, מײַן קינד, די אײגלעך צו —
װעסטו מער ניט זען קײן טיש
און אַ ברעקל ברױט, אַ קריש;
ס׳װעט אין טרױם און אױװן באַקן
דיר, אַ קוכן אַ געשמאַקן,
װעסטו נעמען אים און עסן
און די הונגער־נױט פאַרגעסן — — —
אַליע, ליוליע, אַליע, ליו,
מאַך נאָר, קינד, די אײגלעך צו!

אַליע, ליוליע, אַליע, ליו,
מאַך, מײַן קינד, די אײגלעך צו —
װעט דײַן בליק ניט זײַן געװענדט
נאָר צו נאַסע קעלער־װענט.
ס׳װעט דײַן טרױם אַ פּאַלאַץ מאָלן
דיר, פון מאַרמאָר און קריסטאָלן,
װעסטו װױנען אין אַ צימער
פול מיט ליכט און זונען־שימער.
אַליע, ליוליע, אַליע, ליו,
מאַך נאָר, קינד, די אײגלעך צו!

אַליע, ליוליע, אַליע, ליו,
מאַך, מײַן קינד, די אייגלעך צו —
וועסטו טאָן אין טרוים אַ לויף
ווײַט פון שמוציק־ענגן הויף,
און וועסט שפּילן זיך אויף בייטן
פול מיט שמעקעדיקע קווייטן;
און אַ וואַלד וועט, אַ צעגרינטער,
מאַכן שטאַרקער דיך, געזינטער.
אַליע, ליוליע, אַליע, ליו,
מאַך נאָר, קינד, די אייגלעך צו!

די פאַרכּישופטע בת־מלכּה

אַליע, ליוליע, מאַך צו די אייגעלעך,
אוצרל, קינד מיינס, שלאָפוש זיס איין,
ביי דיין וויגל וואַכט איצט דיין מאַמע,
וויגט דיך, זינגט דיר אַ מעשהלע פיין:

— אַמאָל איז אַ בן־מלך
דורכן וואַלד געריטן;
טונקל און פאַרשאָטנט
איז געווען דער וועג.
פלוצלונג — שטאַרק אַ ציטער
האָט זיין פערד געגעבן
און צוריק געוואָרפן
זיך אין ווילדער שרעק.

אומגעקוקט אין פּחד,
זעט ער דער בן־מלך
ווי אַ שלאַנג אַ גרויסע
פלעכט זיך אויף דער ערד;
פלינק, מיט יעגער־פייער,
האָט ער זיך פאַרמאָסטן
און געוואָלט זי טויטן
מיט זיין שאַרפער שווערד.

אָבער ווי פֿאַרשטיינערט
איז דער פּרינץ געבליבן:
ס'האָט די שלאַנג גענומען
רעדן מיט אַ קָול
און זי האָט געבעטן:
— האָב אויף מיר רַחמָנוּת
ווײַל כ'בין אַ פּרינצעסין
דאָך געווען, אַמאָל.

נאָר ס'האָט אַ מכַשֵׁפה
גרויזאַם מיך פֿאַרשאָלטן
ווען איך בין געגאַנגען
אויף שפּאַציר אין וואַלד.

זאָג דרײַ מאָל פֿון האַרצן:
— ליבע! ליבע! ליבע! —
וועל איך אַ פּרינצעסין
ווידער ווערן באַלד!

האָט זיך דער בֶּן־מֶלֶך
איין מינוט געוואַקלט:
אֶפְשר איז זי מיאוּס?
אָדער איז זי שיין?
דאָך האָט ער געזאָגט עס
און דערזען, פֿאַרווּנדערט:

אַ בַּת־מַלכּה שמייכלט
קעגן אים מיט חֵן.

— וואָס איז מיין באַלוינונג?
פרעגט זי דער בֶּן־מֶלך.
— כ׳וועל דיין פרוי זיין! — זאָגט זי —
דאָס וועט זיין דיין לוין!
האָט דער פּרינץ געבראַכט איר
אין זיין שלאָס פון גינגאָלד
און אָנגעטאָן האָט ער איר
אַ בריליאַנטן־קרוין.

שרעטעלעך־שפּיל

(איבערזעצונג)

שרעטעלעך: — מיר שרעטעלעך, מיר ברידער,
פון באַרג אַראָפּגענידערט;
און זיגל! זעגל! גייט געשווינט,
ווײַל סטאָלערס זענען מיר אַצינד,
און רירט דער סטאָלער אָן די טיר —
הוש! פאַרשווינדן מיר.

סטאָלער: — קליינע טישלעך, קליינע טישלעך,
זע איך אין מײַן וואַרשטאַט שטיין,
און איך קען דאָס וווּנדער־וווּנדער
ניט באַגרײַפן, ניט פאַרשטיין.

שרעטעלעך: — מיר שרעטעלעך, מיר ברידער,
פון באַרג אַראָפּגענידערט;
אַט זענען מיר אין שוסטערס שטוב
און ס׳גייט די אַרבעט: — טוקו! טופּ!
און רירט דער שוסטער אָן די טיר —
הוש! פאַרשווינדן מיר.

שוסטער: — קליינע שיכלעך, קליינע שיכלעך
זע איך אין מײַן וואַרשטאַט שטיין,
און איך קען דאָס וווּנדער־וווּנדער
ניט באַגרײַפן, ניט פאַרשטיין.

שרעטעלעך: — מיר שרעטעלעך, מיר ברידער,
פון באַרג אַראָפּגענידערט;
שטייט שטיל די מיל און לײדיק זעק —
נו, לאָזן מיר די ראָד אַוועק,
און רירט דער מילנער אָן די טיר —
הוש! פאַרשווינדן מיר.

מילנער: — פולע זעקלעך, פולע זעקלעך,
זע איך אין מײַן מיל דאָ שטיין,
און איך קען דאָס װוּנדער־װוּנדער
ניט באַגרײַפן, ניט פאַרשטיין.

מילנערין: — קלײנע שרעטלעך, קלײנע שרעטלעך
זענען אין דער מיל געװען
און איך האָב דאָס װוּנדער־װוּנדער
מיט דער ליכט אין האַנט געזען.

שרעטעלעך: — מיר שרעטעלעך, מיר ברידער,
פון באַרג אַראָפּגענידערט;
עס האָט זיך העל אַ ליכט באַװעגט —
פאַרבלײַבן מיר אין באַרג פאַרשטעקט;
אונדז שרעקט די שײַן גאָר אָן אַ שיעור —
גיך פאַרשווינדן מיר!

זיידע מאָנעלע בראָק

טרײַ־רײַ־רײַ! טרײַ־רײַ־ראָם!
אין אַ הוט פון אַ שוואָם
ווינט אַ שרעטעלע קליין,
ווינט אַ גרײַז־גרויער גנאָם.

טראָגט אַ מיצעלע גרין,
מיט אַ פורפורנעם ראָק,
רופט אים יעדער אין וואַלד
„זיידע מאָנעלע בראָק".

גייט זײַן לעבן אַוועק
נאָר אין צָרות און שרעק;
דער שלים־מַזל פון אים
גייט אַ טראָט ניט אַוועק.

טוט ער ווו נאָר אַ שפּיר —
האָט ער ווייטיק און צַער,
ווו ער גיט זיך אַ ריר —
איז ער באַלד אין געפאַר.

דאָ דערזעט ער אַ זשוק
מיט אַ שרעקלעכן שנוק —
קלאַפּט פאַר פּחד זײַן האַרץ:
— טוק און טוק! טוק און טוק!

אָט פאַרצוימט אים דעם וועג
דאָ אַ גראָז, דאָ אַ שטרוי,
און אָט טרינקט ער זיך גאָר
אין אַ טראָפּעלע טוי.

איז אַ זוניקער טאָג.
זײַדע מאָנעלע בראָק
איז אַרויס אויף שפּאַציר
אין זײַן פּורפּורנעם ראָק.

פּלוצלונג — גיט ער אַ פאַל,
שיעור געבראָכן דעם קאַרק:
איז אַרויף מיט דער נאָז
אויף אַ יאַגעדע־באַרג.

ברעכט ער אוים אין געוויין
און וויל אויפשטיין — נאָר ניין,
עפּעס האַלט מען אים פעסט,
עפּעס קען ער ניט גיין:

ס'האָט זײַן גרײַז־גרויע באָרד
צו דעם באַרג זיך פאַרקלעפּט —
און אומזיסט וואָס ער ציט,
און אומזיסט וואָס ער שלעפּט.

סאַראַן אומגליק! ס'איז קלאָר —
ער וועט אויסגיין און גאָר!
זיידע מאָנעלע בראָק
רײַסט פאַרצווייפלט די האָר,

מאַכט געוואַלדן און ציט
און ער יאָמערט אַזוי:
— אוי, אוי, קינדערלעך, העלפט,
ס'איז אַ סוף צו מיר, אוי!

אוי, אוי, ליבע, אַ שרעק!
קומט און ציט מיך אַוועק,
איך וועל שענקען דערפאַר
אײַך, מײַן גאַנצן פאַרמעג:

מײַן בריליאַנטענעם רינג
וואָס גיט אַלץ אין דער וועלט,
מײַן גינגאָלדענע רוט
וואָס פאַרבלענדט און פאַרשטעלט.

אוצרות פיל, און אַ מאָס;
מײַן פאַרכּישופטן שלאָס
אויפן גלאַנציקן באַרג
פון קרישטאָל און פון גלאָז!

אַזוי יאָמערט ער דאָרט
און ער רײַסט זיך פון אָרט.
ווער פון אײַך ס'איז אַ כוואַט —
גייט און שלעפּט אים די באָרד!

אַ טאַנץ

טירע־דירע! טירע־דאַרע!
טירע־דאַרע! טירע־באָם!
אויף אַ גילדערנער גיטאַרע
שפּילט אין וואַלד אַ קליינער גנאָם.

האָצקעןביימער זיך אַרומעט
אַרום שרעטעלע אין ראָד,
רויטע יאַגעדעס און בלומען,
פלעכטן אויס אַ קאַראַהאָד.

בינען, פלאַטערלעך זיך מישן,
שוועבן אום אַהין, אַהער,
טאַנצט אַ שלאַנקע יונגע הירשין
מיט אַ ברוינעם שווערן בער.

היישעריקן שפּרינגען רווישיק
מיט די גרילן אינעם גראָז,
און אַ וועווערקע, אַ רויטע,
טאַנצט געאַרעמט מיט אַ האָז.

פייגל היפּען, פליען מונטער
אין די צווײַגן און אין רוים,
און דער פּיקהאָלץ, אָט דער בונטער, —
דרייט אַליין זיך אַרום בוים.

טירע־דירע! טירע־דאַרע!
טירע־דאַרע! טירע־באָם!
אויף אַ גילדערנער גיטאַרע
שפּילט אין וואַלד אַ קליינער גנאָם.

בלאָזט אין שופֿר

בלאָזט אין שופֿר, שאַלט אין האָרן,
זאָגט, אַז נײַ־יאָר קומט און גייט!
ער פֿאַרטרײַבט דעם בייזן צאָרן,
ברענגט אונדז שלום, ליכט און פֿרייד.

און דעם פֿאָלק ישׂראל טיילט ער
זאַלבן, פֿאַר זײַן וווּנדיק לײַב,
מיט בטחון שטאַרקט ער, היילט ער,
אונדזער קליינעם איבערבלײַב.

בלאָזט אין שופֿר ראש־השנה,
נעמט דאָס גאַנצע פֿאָלק צונויף,
שאַלט אין לופֿטן מיט כּוונה:
— ס'וואַכט דער ייִד צום לעבן אויף!

מאַקאַבייער־מאַרש

ווי העלדן, ווי די חשמונאָים,
צעשטעלט זיך נאָר, קינדער, אין ריי!
אָ, ציטערט איר שׂונאים, רשעים,
דערשרעקט זיך פֿאַר אונדזער אַרמיי!

ווײַל מוט און גלויבן — דאָס פֿאַרמאָגן מיר,
און אונדזער פֿאָן, אַ שטאָלצע, טראָגן מיר,
צום קאַמף, אין וועג, פֿאָרויס געשפּאַנט,
פֿאַר אונדזער פֿאָלק און אונדזער לאַנד!

מיר קומען באַגײַסטערטע זייער
פֿון הייליקן פֿרײַהייטס־געדאַנק,
מיר קומען ווי די מאַקאַבייער —
און קיינער פֿאַרצוימט אונדזער גאַנג!

ווײַל מוט און גלויבן — דאָס פֿאַרמאָגן מיר,
און אונדזער פֿאָן, אַ שטאָלצע, טראָגן מיר,
צום קאַמף, אין וועג, פֿאָרויס געשפּאַנט,
פֿאַר אונדזער פֿאָלק און אונדזער לאַנד!

חַנוּכָּה־שפּיל

— גוט יָום־טֶוב איַיך קינדער,
מיר קומען פֿאַרשטעלט:
אַ דריידל, אַ ליכטל,
און חַנוּכֶּה־געלט.

— איך בין אַ דריידל,
כ׳פֿאַרשפּיל און געווין,
מיט נון און מיט גימל,
מיט הֵא און מיט שין!

— איך בין אַ ליכטל,
געצונדן, געצעהלט,
באַלייכט איך די יידן
די פינצטערע וועלט!

— כ׳בין חַנוּכֶּה־געלט,
הייב אָן קלייבן פון היינט,
פאַר נוצלעכע זאַכן,
פאַר אָרעמע פריינט!

— גוט יָום־טֶוב איַיך, קינדער,
מיר קומען פאַרשטעלט:
אַ דריידל, אַ ליכטל,
און חַנוּכֶּה־געלט.

דער פּורים־שפּילער

זעט, איך בין אַ פּורים־שפּילער,
איינער אין דעם גאַנצן לאַנד;
אַחַשְׁוֵרוֹשׁ, הָמָן, מָרְדְּכַי —
שפּיל איך אַלץ מיט גרויס טאַלאַנט.

קען איך איצטער אַחַשְׁוֵרוֹשׁ
ווערן, גלייך דאָ אויפֿן אָרט,
ווײַל דער לערער רופֿט מיט „טִפֵּשׁ",
איך פֿאַרשטיי אין שול קיין וואָרט.

הָמָן רופֿן מיך חֲבֵרִים,
כ'בין אַ רָשָׁע, זאָגן זיי,
שפּיל איך אָט די ראָל כְּסֵדֶר,
ווו איך שטיי און ווו איך גיי.

אָבער מָרְדְּכַי קען איך ווערן
יעדע רֶגַע און מינוט,
ווײַל איך האַלט מיך פֿאַר אַ צַדִּיק
וואָס איז קלוג און פֿרום, און גוט.



די קאַטשקע

אין אַ גרינער יופּעצע
מיט אַ בלויען שלייער,
גייט די קאַטשקע אויפן מאַרק,
טראָגט אַ קויש מיט אייער.

קאַטש אַהין
און קאַטש אַהער:
— אוי, דער קויש
איז זייער שווער!

וואַקלט זי און קוואַקעט זי,
שלעפּט זיך אַזש פון טײַכל:
— אייער, אייער, קונים, קויפט,
פרישע — נאָר אַ מַאכל!

קאַטש אַהין
און קאַטש אַהער:
— אוי, דער קויש
איז זייער שווער!

איז דער מאַרק שוין אָבער פול,
אַלע איַלן, לויפן,
שטייט די קאַטשקע, נעבעך, דול,
קיינער וויל ניט קויפן.

קאַטש אַהין
און קאַטש אַהער:
— אוי, דער קויש
איז זייער שווער!

— קויפט איר זיי ניט? — שרייַט זי אויס —
ווילט איר זיי ניט ניצן? —
כ׳וועל זיי אויסבריען און גאָר!
קאַטשקעלעך אויסזיצן!

קאַטש אַהין
און קאַטש אַהער:
— אוי, דער קויש
איז זייער שווער!

פישעלעך

(קרײַזשפּיל)

אַ פישעלע, אַ פישעלע
אין טײַכל איז געשווומען,
אין ראָד אַהין, אין ראָד אַהער —
זײַן מאַמען ניט געפונען.

ס'איז טרויעריק און הונגעריק,
עס זוכט אַזוי אין שווימען,
אין ראָד אַהין, אין ראָד אַהער —
נישטאָ אַרום קיין סימן.

נאָר אָטאָ שווימען פישעלעך
אין וואַסערל צוזאַמען,
אין ראָד אַהין, אין ראָד אַהער:
מיר זוכן אונדזער מאַמען!

אָ, נעמט מיך אויך, אָ, טײַערע,
איך האָב אין טײַכל קײנעם!
אין ראָד אַהין, אין ראָד אַהער —
זיי שווימען שוין אין אײנעם.

טוריסטן

אויף דער וואַנט הענגט אַ מאַפּע,
הענגט זי סתּם אויף גאָטס באַראָט;
וואַנדערן אויף איר די פליגן,
איבער לאַנד און איבער שטאָט.

דאָ אַ יאָג, דאָרט געקראָכן,
אָט אַ פלי און — זיך געשטעלט,
ס'גייט אַ פריילעכע באַוועגונג,
ס'איז אַ לעבעדיקע וועלט.

און אַ פליג, אַ קליין צוציק,
איז זיך אויסן אומעטום,
איבער טײַכן, בערג און לענדער
פליט עס, יאָגט עס מיט אַ זשום.

פון דער ווײַט קוקט צופרידן
מאַמע פליגעכע און קוועלט:
— זעט מײַן מזיקל, מײַן נחת,
איז שוין אויסגעוועזן אַ וועלט!

מוראַשקעס

(קרײַזשפּיל)

מַלכּה: — וואַכט אויף גיך, מוראַשקעלעך,
ס'איז שוין טאָג געוואָרן!
רייניקט אוים אין מוראַשניק
אַלע קאָרידאָרן!

מוראַשקעס: — מַלכּה קרוין,
מַלכּה שיין,
מיר דערוואַכן, הערן,
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
פּוצן מיר און קערן.

מַלכּה: — איצטער לאָזט זיך אין דער וועלט,
גלײַך מיטן באַגינען,
אין די רייען אויסגעשטעלט,
עסנוואַרג געפינען.

מוראַשקעס: — מַלכּה קרוין,
אָטאָ שוין
שטייען מיר צעשטעלט,
אין מאַרשיר
שפּאַנען מיר
איבער גאָרער וועלט.

מַלכּהֶ: — טרעפט איר ווו אַ וואַסערל —
שרעקט זיך נאָר ניט איבער,
מאַכט אַ לעבעדיקע בריק.
גייט דעם טײַך אַריבער.

מוראַשקעס: — מַלכּהֶ שיין,
מירן גיין
ווו דו וועסט אונדז שיקן;
אָט אַזוי,
איינס און צוויי
פלעכטן מיר אויס בריקן.

מַלכּהֶ: — גייט בשָלום, מוראַשקעס,
זאָלט איר ניט פאַרגעסן:
שפּײַכלערס שטייען ליידיקע —
פילט זיי אָן מיט עסן.

מוראַשקעס: — מַלכּהֶ קרוין,
אָטאָ שוין,
אַרום דיר, אין קרײַז,
יאָגן מיר,
טראָגן מיר
אויפן ווינטער שפּײַז.

די זאָרג פונעם זײַדוואָרעם

אין אַ לופּטיק שײנעם זאַל
פּראַוועז פלאַטערלעך אַ באַל.

קומען געסט פון אומעטום
מיט געררויש און מיט אַ זשום:

בינען, פליגן אַלערליי,
אויסגעפּוצטע קומען זיי.

זשוקן, מוראַשקעס אַ סך,
פלאַטערלעך אין גלאַנץ און פּראַכט.

נאָר אין בלעטערשטוב, פאַרשפּאַרט,
זיצט דער זײַדוואָרעם באַצערט.

ער איז אויך פאַרבעטן שיין —
קען אָבער צום באַל ניט גיין.

האַלט אין מיטן אָנטון זיך
און אים קלעקן ניט קיין שיך.

ציילט שוין טויזנט מאָל געוויס:
— וויפל האָב איך שיך און פיס?

ציילט ער דאָ און מעסט ער דאָרט, —
ס'קלעקן אים קיין שיך ניט פאָרט!

בלײַבט ער זיצן פול מיט פײַן:
נו, און וואָס וועט איצטער זײַן?

כ'בין אַ גרויסער שלימעזאַל,
כ'קען ניט גיין צום שיינעם באַל:

אפֿשר הונדערט פיס האָב איך
און בלויז דרײַצן גאַנצע שיך — — — —

דאָס שפּילן פון די זיבן גרילן

צווישן גרינעם גראָז, אין פּליין,
שטייט אַ שטיבל ווײַס און קליין,
וווינען דאָרטן זיבן גרילן,
קענען אַלע פידל שפּילן.

שײַנט באַטאָג די זון און ברענט —
הערט מען ניט קיין אינסטרומענט:
אין אַ ווינקעלע פאַרקליבן
דרעמלען אַלע גרילן זיבן.

נאָר באַנאַכט, ווען ס'שווימט אַרויס
די לבֿנה, העל און גרויס,
אין דעם סאַמעטענעם הימל —
וועקן זיי זיך פונעם דרימל.

עפענען דאָס טירל קליין,
קומען זיי אַרויס אין פּליין
און צעפידלען זיך, און שפּילן
אַ קאָנצערט פון זיבן גרילן.

קלינגט די פּרעכטיקע מוזיק:
— ציר־צירִיק! און ציר־צירִיק!
פלינקע אַרבעטן די סמיקן.
אַלע הערן מיט אַנטציקן:

שפּיצט די אויערן דער האָז,
מײַזלעך גאַפן צווישן גראָז,
און אין רוים, די פײַער־פליגן,
לײַכטן אַזש פון פאַרגעניגן.

אַלע בלומען פון אַרום
הערן טרוימענדיק און שטום,
ווערן פון קאָנצערט צעגומען
און צעגייען אין פּערפומען.

די לְבָנָה שטראַלט און ווינקט:
— אָ, ווי שיין דער ניגון קלינגט!
און דער הימל בליצט פון הערן,
גלאַנצט מיט פינקלדיקע שטערן.

— ווּ־ווּ־ווּנדערבאַר און שיין!
מורמלט ווינטל אינעם פליין;
נויגן, שושקען זיך די גראָזן:
— גרילן זענען ווירטואָזן!

אין אַנטקעגנדיקן פעלד,
קלינגט דער ניגון אָפּ צעהעלט —
טאַנצן, וויגן זיך די זאַנגען
צו דעם טאַקט פון אָט די קלאַנגען.

שטייט דער וואַלד אין וויַטן, הערט
ווי פאַרכּישופט דעם קאָנצערט,
און אויף ביימער די סאָסנאָווע,
פון מתיקות — וויינט די סאָווע.

סאָוועס

זעען שלעכט די סאָוועס,
טאַטע, מאַמע, קינדער:
קומט דער טאָג דער העלער —
מאַכט ער זיי נאָך בלינדער.

אויף די גרויסע אויגן
מיט די קורצע נעזלעך,
טראָגן זיי שפּאַקולן
מיט צוויי רונדע גלעזלעך.

אָבער אָך און ווי און ווינד,
ס'מאַכט די ליכטיקייט זיי בלינד,
זונענשײַן פאַרשאַפּט זיי פּײַן,
נעמט די אויגן זיי אַרויס,

אין דער פינצטער בלויז,
אין די שטילע נעכט,
קלאָגן זיי: בוהו! בוהו!
אוי, ווי אונדז איז שלעכט!

ווי עס קומט דער טאָג נאָר,
איז פאַר זיי אַ צָרָה, —
ליגן זיי באַהאַלטן
טיף אין זייער נאָרע.

מיט צעקלעמטע הערצער,
מיט אַ צער אַ גרויסן,
דורך די אויגן־ברילן —
קוקן זיי צום דרויסן.

אָבער אַך און ווי, און ווינד,
ס'מאַכט די ליכטיקייט זיי בלינד,
זונענשיין פאַרשאַפט זיי פּיין,
נעמט די אויגן זיי אַרויס,

אין דער פינצטער בלויז,
אין די שטילע נעכט,
קלאָגן זיי: — בוהו! בוהו!
אוי, ווי אונדז איז שלעכט!

אַ בייזער חלום

מיקי מייזל וויינט פון שלאָף
און ס'איז דאָך קיין קאַטאָוועס —
אים טרוימט: ער בלאָנדזשעט אין אַ וואַלד
און ס'יאָגן אים די סאָוועס,

מיט גרויסע אויגן פלאַמיקע —
אַ שרעק אויף זיי צו קוקן,
מיט שאַרפע נעגל, שנאָבלען קרום —
זיי ווילן אים פאַרצוקן.

און מיקי מייזל יאָגט אין שרעק,
און שרייט, און יאָמערט ביטער.
אָט כאַפּט איין סאָווע אים ביים עק,
ער גיט אַ ששטאַרקן ציטער.

און פלוצלונג — מיקי כאַפּט זיך אויף,
קוקט זיך אַרום דערשראָקן,
ער זעט: זיין מאַמע זיצט ביים וויג
און צירעוועט די זאָקן.

— דו האָסט געוויינט — זאָגט זי — אין שלאָף,
מײַן קינד, האָסט שרעק אין בליקן!
— אַ וואַלד... געבלאָנדזשעט... סאָווע... אוי...
געוואַלט צערײַסן מיקין...

— טפו! און טפו! און דרײַ מאָל טפו!
צו קאָטערס לײַב און לעבן!
אויף וויסטן פעלד — זאָגט מאַמע מויז —
זאָל אָט דײַן חלום שוועבן!

זי בלאָזט איר קינד, אַ סגולה ווייל
צו דעם וואָס האָט געטראָפן.
און מיקי מײַזל גענעצט זים —
און ווערט צוריק אַנטשלאָפן.

װעװערקעס

(קרײַזשפּיל)

אַלע: — מיר זענען קלײנע װעװערקעס,
שפּרינגען מיר און טאַנצן
אויף די בײמער אין דעם װאַלד,
אַזױ דעם טאָג, דעם גאַנצן:
אַהער, אַהין,
אויף צװײַגן גרין,
אַזױ דעם טאָג, דעם גאַנצן.

װעװוריקל: — איך בין אַ קלײנטשיק װעװוריקל,
אַ שטיפּערל, אַ לױפער,
יאָג איך מיר פון בױם צו בױם,
שפּרינג איך אָן אַן אױפהער:
היפּ! האָפּ!
אַרױף! אַראָפּ!
שפּרינג איך אָן אַן אױפהער.

מ אַ מ ע: — הייבט אָן אַלע
ניסלעך רײַסן!

אַ ל ע: — רים! רײַם!
רים! רײַם!

מ אַ מ ע: — הייבט אָן קנאַקן,
הייבט אָן בײַסן!

אַ ל ע: — בים! בײַם!
בים! בײַם!

מ אַ מ ע: — זעצט זיך אַלע
אויף צוויי פּיסלעך!

אַ ל ע: די מינוט!
די מינוט!

מ אַ מ ע: — עסט די יאָדרעס
פון די ניסלעך!

אַ ל ע: — האַם! גוט!
האַם! גוט!

א ל ע: — מיר זענען קליינע וועווערקעס,
שפּרינגען מיר אויף צווײַגן
און ווען עס קומט דער אָוונט אָן —
רוען מיר און שווײַגן:
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
רוען מיר און שווײַגן.



צום העלפאַנט

העלפאַנט, העלפאַנט, העלפאַנט,
גרויס און דיק, און פעט,
מסתּם פון שטאָל און אײַזן
איז געמאַכט דײַן בעט.

און דײַן שטול צום זיצן —
איז געווים פון שטיין;
און סאַראַ בערשטל ניצסטו
צו די לאַנגע ציין?

העלפֿאַנט, העלפֿאַנט, העלפֿאַנט,
גרויסער, גראָבער ריז,
וואָס פֿאַר אַ שיך און זאָקן
קויפֿסטו צו די פֿיס?

בריוט מוז זײַן דײַן אָנצוג —
ווי איך ווייס ניט וואָס!
און וואָסער טיכל דאַרפֿסטו
צו דײַן לאַנגער נאָז?!

ביי די העזעלעך אין קלאַס

אויפֿן גראָז, אין וואַלד אין גרינעם,
זיצן העזעלעך אין קלאַס
און דער לערער טיילט זיי בלעטלעך,
הייסט זיי אָנמאָלן אַ פּאַס:

— אָט אַזוי, אַ שטריך אַ לאַנגן,
מיט אַ בלייַער טונקל־גרין,
ווייסט איר קינדער וואָס איר צייכנט?
ס'איז אַ גרעזל פֿריש און דין!

איצטער מאַכט צוויי שטריכן גלע,
אויבן ברייטער, ס'איז ניט שווער,
און פֿון אונטן זיי פֿאַראייניקט,
פֿאַרבט אין מיט — עס איז אַ מער!

אַלע צייכענען אַ קייַקל
מיט אַ פּאַסיק אונטן, זעט,
עס וועט זייַן אַ פֿייַנער בוראַק,
פֿאַרבט עס רויטלעך־פּיאָלעט!

פלוצלונג שרײַען אױס די העזלעך:
— באַסטאַ, לערער, מערער ניט!
און זײ שלײַדערן די בלײַערס:
— איר צערײצט דעם אַפּעטיט!

זײ צעפּליקן גיך די זײַטלעך,
טומלען אױפגערעגט און רױט:
— װאָסזשע טױגן אָט די בלעטלעך? —
גיט אונדז בעסער בלעטער קרױט! — — —

דאָס העזל און די קרויט

(קרײַזשפּיל)

אין דער מיט איז דאָ אַ גאָרטן
און עס וואַקסן קעפּלעך קרויט;
איז אַרומגעצאַמט דער גאָרטן
מיט אַ הויכן, שטאַרקן פּלויט.

שפּרינגט אַרום דעם פּלויט, אַ העזל,
הונגעריק און פול מיט פּײַן,
סמאָרעט מיטן קלײנעם נעזל,
קען אין גאָרטן ניט אַרײַן.

פּלוצלונג — אָ, אַ לאָך דערזעט ער
אין דעם פּלויט, און העזל פליט
הענדום, צו די קרויטן־בלעטער,
און ער רײַבט מיט אַפּעטיט.

נאָר אין מיטן, עפּנט דאָרטן
זיך דאָס טירל פונעם פּלויט,
קומט דער גערטנער אָן אין גאָרטן,
טרעפט דאָס העזל בײַ די קרויט.

כאַפּט דער גערטנער גיך אַ שטעקל,
גיט צום העזל זיך אַ לאָז:
— האַ, דו נאַשער, קורצער עקל,
נאַ, אָט האָסטו העזל־האָז!

טראָגט זיך אָפּ דאָס העזל גיכער
פונעם גאָרטן, צו דעם פליין,
יאָגט דערשראָקן, ווי אַ וויכער,
אין די פעלדער, מיט געוויין

אַן אַקציִדענט

(לויט אַ שפּאַניש לידל)

מאַמע קאַטשקע, בײַ דעם עסן,
האָט דערשלונגען איצט אַ קנעפּל
און זי שטיקט זיך, און זי וואַרגט זיך,
וואַרפט און שאָקלט מיטן קעפּל.

טאַטע קאַטשער איז צעטומלט,
קלערט אַ מיטל, זוכט אַן עצה —
און ער קלאַפּט איר אויפן נאַקן,
און ער טאָרעט איר אין פּליצע.

קאַטשקע־קינדל וויינט צעטומלט,
לויפט אַרום און שרײַט דערשראָקן:
— מאַמע שטיקט זיך! מאַמע וואַרגט זיך! —
וועמען זאָל איך לויפן זאָגן?

קומט אַן גיך דער דאָקטער גאָנער,
מאַמע קאַטשקע גלײַך באַקוקט ער
און זײַן לאַנגן האַרטן שנאָבל
שטעקט ער אין איר האַלדז און רוקט ער.

לעבן זאָל דער דאָקטער גאָנער,
וואָס איז גלײַך אַהער געקומען!
ער האָט טאַקע באַלד דאָס קנעפּל
פון איר האַלדז אַרויסגענומען.

הינערטאַנץ

קוקט נאָר אָן,
קוקט נאָר אָן:
ס'טאַנצן הינדעלעך אין קאָן,
און אין סאַמע מיט פון רעדל
טאַנצט די קוואָקע מיטן האָן.

קרייט דער האָן:
— קו־קו־ריי!
העלפט דאָס הינדל: — קאָ־קאָ־איי!
— פּי־פּי! פּי־פּי! זינגען אַלע
הינדעלעך, אין כאָר, מיט זיי.

— קינדל מײַן,
הער זיך אײַן,
ביסט אַוודאי גוט און פײַן, —

קום אַ טאַנץ אין אונדזער רעדל,
ווײַל מיר נעמען דיך אַרײַן!

טידל, טאַדידל

(פריַי באַארבעט)

טידל, טאַדידל,
וואָס טומלט עס זיך ?
דאָס גענדזל גייט באָרוועס
און האָט ניט קיין שיך.

דער שוסטער ער האָט ניט
קיין לעדער געווים,
דערפאַר גייט דאָס גענדזל
מיט באָרוועסע פים.

טידל, טאַדידל,
דאָס הינדל איז טויט ;
געלייגט מיר קיין אייער,
געפרעסן מייַן ברויט.

די פעדערן פליק איך
דעריבער, געשווינד,
און מאַך מיר אַ קישן
פון זיי פאַר מייַן קינד.

טידל, טאַדידל,
ס׳איז שרעקלעך די נויט:
איך האָב ניט קיין צוקער
און האָב ניט קיין ברויט.

צעבראָכן מײַן בעטל,
מײַן שטיבל צעשטערט —
פאַרקויף איך מײַן קישן
און שלאָף אויף דער ערד.

הערט אַ מעשׂהלע זיך אײַן

הערט אַ מעשׂהלע זיך אײַן,
הערט עפּעס אַ שיינס:
גייט דאָס הענדל אויף שפּאַציר —
איז דאָס הענדל איינס.

זעט ער דאָרט זײַן הינדל שטיין,
רופֿט ער: קו־קו־ריי!
גייט דאָס הינדל גלײַך מיט אים —
גייען זיי שוין צוויי.

טרעפֿן זיי דעם אינדיק אָן
גייענדיק פֿאַרביַי,
שריַיט ער: — האָלדער! נעמט מיך אויך! —
גייען זיי שוין דריַי.

שטייט דאָס גענדזל אויפֿן וועג,
קליַיבט זיך אויף שפּאַציר,
רופֿט עס: — גאַ־גאַ! כ׳גיי מיט איַיך! —
גייען זיי שוין פֿיר.

קומען זיי צום טיַיכל אָן,
מאַכט דאָס גענדזל: — איַי,
איך גיי כאַפּן גאָר אַ שווים!
בליַיבן זיי שוין דריַי.

פֿליט אַ פֿלאַטערל אין רויט,
שריַיט דער אינדיק: — ווייַ!
און אַנטלויפֿט פֿון אים אין שרעק, —
בליַיבן זיי שוין צוויי.

שטעלט דאָס הינדל אויך זיך אָפּ:
— מער קאָן איך ניט גיין,
איך דאַרף ליגן באַלד אַן איי! —
בלײַבט דער האָן אַליין.

פליט ער אויפן הויכן פלויט
און ער קרייט אַרויס:
— קו־קו־רי־קו! רי־קו! איינס! —
איז די מעשׂה אויס.

אינהאַלט:

	זייט
פון גאַנצן האַרצן	5
די וואונדערלעכע רויז	7
אַ גוט מאָרגן דיר מיין גערטל!	8
ס'ווערט געבוירן די זון	9
אַ שטערנדל און אַ בלימעלע	12
אַ שאָד!	13
די פיר צייטן פון יאָר (קרייזשפּיל)	14
האַרבסט־קאָנצערט	17
שאַ, עס שלאָפט קליין ביימעלע	18
זוימעלע רייטער	19
דער טרוים פון דער סאָווע וועגן בוים	21
שול־הימען	23
אַ גאָלדענע פעדער	25
איך העלף מיין טאַטן שרייבן	26
ווער פליט אַרום מיין פענצטערל	27
ביים פאַסטקעסטל	28
ביכער	29
אַ מעשה פונעם ווינט מיטן בוך	31

כ׳בין אַ סוחר — — — — — — — — — — — — — 33
אַ, ווי איך האָב ליב אַ יום־טוב ! — — — — — — — — 35
ביים שפּיגל — — — — — — — — — — — — — 36
אין טראַמוויי (שפּיל) — — — — — — — — — — — 38
איצט פאַרשטיי איך — — — — — — — — — — — 40
די פּיאַנע — — — — — — — — — — — — — — 41
קינדער — — — — — — — — — — — — — — — 43
דער בלינדער (קרייזשפּיל) — — — — — — — — — 44
פייערלעשער (קרייזשפּיל) — — — — — — — — — 45
דער קליינער בעקער — — — — — — — — — — — 47
איז שבעלע אַ קעכין — — — — — — — — — — — 49
דאָס שטערצל און דער טאָפּ — — — — — — — — 51
דער פּאַל פונעם נייגעריקן קריגל — — — — — — — 53
וויגליד — — — — — — — — — — — — — — — 54
אליע ליוליע — — — — — — — — — — — — — 56
די פאַרכישופטע בת־מלכה — — — — — — — — — 58
שרעטעלעך־שפּיל — — — — — — — — — — — 61
זיידע מאַנעלע בראָק — — — — — — — — — — 63
אַ טאַנץ — — — — — — — — — — — — — — 67
בלאָזט אין שופר — — — — — — — — — — — 69
מאַקאַבייער־מאַרש — — — — — — — — — — — 70
חנוכה־שפּיל — — — — — — — — — — — — — 71
דער פּורים־שפּילער — — — — — — — — — — — 72
די קאַטשקע — — — — — — — — — — — — — 73
פישעלעך (קרייזשפּיל) — — — — — — — — — — 75

זייט

טוריסטן	76
מוראשקעס (קרייזשפּיל)	77
די זאָרג פונעם זיידוואָרעם	79
דאָס שפּילן פון די זיבן גרילן	81
סאָווּעס	84
א בייזער חלום	86
וועווערקעס (קרייזשפּיל)	88
צום העלפאַנט	91
ביי די העזעלעך אין קלאַס	93
דאָס העזל און די קרויט (קרייזשפּיל)	95
אַן אַקצידענט	97
הינער־טאַנץ (קרייזשפּיל)	98
טידל־טאַדידל	99
הערט א מעשהלע זיך איין	101

ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

„פייגל אין דער לופטן"

(קינדער־לידער און קרייזשפּילן)

ארויסגעגעבן פון א געזעלשאפטלעכן קאָמיטעט, אויף דער איניציאַטיוו פון דראמקרייז „ר. זאסלאַווסקי", אין טוקומאַן. מיט אַ וואָרט פאָרויס פון מלך ראַוויטש.

1939

„אַ לעבעדיקע וועלט"

(קינדער־לידער און קרייזשפּילן)

ארויסגעגעבן פון קולטור־צענטער „ח. נ. ביאליק" אין ווילא קרעספאָ, בוענאָס־איירעס.

1941

„הימל און ערד"

(קינדער־לידער און קרייזשפּילן)

ארויסגעגעבן פון דעם לערער־קאָלעגיום פון דער „שלום־עליכם־שול" ביי דער „צווישאָ" אין בוענאָס־איירעס.

1944

„צען קרייזשפּילן"

מיט מוזיק פון לעאָן דרייצעל, פאַר געזאַנג און פּיאַנאָ. בוענאָס־איירעס.

1945

תיקון טעות:

אויף דער זייט 72 אין ליד „דער פורים־שפילער", צווייטע סטראָף, דריטע שורה, אַנשטאָט:

ווייל דער לערער רופט מ י ט „טפש"

דאַרף זיין:

ווייל דער לערער רופט מ י ך „טפש"